## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג: זאָגט מיר פאַניע שבת הגדול, וואָס שטעהט עפּעס „צפרדעי" נעבען „קנים"?

שבת הגדול: דאָס מיינט מען די היינטיגע לאָדזער פאַבריקאַנטען. זיי קוואַקען ווי זשאַבעס, אַז זיי זענען גבירים און אין דער אמתען האָבען זיי כנים.

---

# א צוואה
## אויפן לאָדזער שטייגער

קום נעהנטער זוהנדעלע צו מיר!
איך וויל דיר עפּעס זאָגען,
כדי דו זאָלסט דעם שווערען פּאַק
פון לעבען קאָנען טראָגען.

אין קאַלטע טעג טראָג א פּעלץ
און זייד — אין גרויסע היצען;
עס דיין מאָהלצייט אונגעשטערט,
און זאָל א צווייטער שוויצען.

און ווילסט מאַכען לייכט דיין וועלט,
באָרג, זוהנדעלע, ביי יענעם;
זאָל האָבען דער, וואָס באָרגט דאָס געלד,
אויף דער וועלט דאָס גיהנום.

און ווילסטו זיין א כל ולד,
א טוער און א דרעהער —
טאָ בויג צום לעבענס־איבערפלאַך
דיין אָנגעשטרענגטען אויער.

שמייכעל יעדען גראָבען יונג,
ברעך דיין שטאָלץ און בוק זיך,
און וואו דו זעהסט א פעטען טאָפּ —
אַהינצו, קינד מיינס, רוק זיך.

האַלט־צו דאָס מויל, פערבייס די צונג,
דאַך אָפען האַלט די אויגען,
און מאַך פאַר זיך א לעבענס־וועג
מיט דיינע עלנבויגען...

און טוט א גראָבער יונג דיר וועה,
נישט שפּיי איהם אָן א שנוקע —
דאַן ווערסטו, קינד מיינס, זיין א לייט
און עסען אין דער סוכּה.

נעהם די ווערטער ערנסט קינד,
און זאָלסט פון זיי נישט לאַכען,
און נישט פערגעס, אז אָפּטמאָל קאָן
א קאָץ דיר קאַליע מאַכען...

ב. זאב.

---

## דער היינטיגער „חד גדיא"
### צו זינגען צום דריטען סדר

היטלער האָט גענומען
דעם יוד אין דער אחבּיט אריין,
דעם יוד אין דער אחבּיט אריין,
און וויל איהם אויסקלייגען,
און וויל איהם אויסקלייבען,
האָט זיך דער ענדיעק הערויף פערקוקט,
און וועהט פּשוט הערפּון ענטציקט,
און וויל איהם איבערשטייגען,
און וויל איהם איבערשטייגען,

* * *

פאַהרט א יוד
אין אוניווערזיטעט שטודיהען,
אין אוניווערזיטעט שטודיהען,
א דאָקטאָר וויל ער זיין,
א דאָקטאָר וויל ער זיין,
קריגט ער אוז, איבערן קאָפּ,
און כאַפּט אריין די אמת'ע קלעפּ
און ווערט דער חולה אליין,
און ווערט דער חולה אליין.

* * *

עפענט א יוד
א קרעמעלע זיך אויף,
א קרעמעלע זיך אויף,
פאַר גילדענדלעך א פּאָר,
פאַר גילדענדלעך א פּאָר,
דרייען זיך די „טעקעס" אריין און ארויס
און די כוליגאַנעס האקען די שייבלעך אויס,
און האָט „קנידלעך" א גאַנץ יאָהר.
און האָט „קנידלעך" א גאַנץ יאָהר.

קאַפּריזנער

---

## דער ראַבּינאַט




ווערט „מעכאַגיזירט"...

---

## פּייטעל און טרייטעל



פּייטעל: איך זאָג דיר טרייטעל, עס איז גאָט וואונדער, ווי די אייזענבאַהן געהט. אָבער איין זאַך, וואָס איך קאָן נישט פערשטעהן איז, ווער שלעפּט אָבער פאָרט די באַהן?

טרייטעל: סטייטש ווער שלעפּט? פערע שלעפּט די באַהן.

פּייטעל: פערע? האָב איהם א שוואַרץ יאָהר ער האָט געפּייניגט יודען אין מצרים, זאָל ער איצט שלעפּען.

---

## אַלטע אַנטיקען

יודענע: דאָ וואוינט הער, וואָס האָט געשטעלט אין דער צייטונג, אז ער קויפט אַלטע אַנטיקען?

— יאָ, וואָס האָט איהר דען צו פערקויפען?

יודענע: עס איז מיר ארויסגעפאַלען א צאָהן, האָב איך איהם אייך געברענגט. איך בין שוין אַלט 90 יאָהר.

קאַפּריזנער

## אויף א „שויאונג"
### צווישער א לאָדזער מעדעל און א פּראָווינצער בחור

זי: זי ווייסען, זי מוזען קענען שיין זינגען.
ער: פון וואַנען ווייסען זי דאָס?
זי: הויט איהנם חכמה.
ער: זי, פריילין, האָבען א טאַלענט צי מאַלעריי
זי: פון וואַנען נעהמען זי דאָס?
ער: פון איהנם פּנים.

* * *

ער: זי ווייסען, איך האָב איינגעזעהען, אז אמעריקאַנער יונגע לייט האָבען ליב פּוילישע מיידלעך.

זי: און איך האָב איינגעזעהען, אז פּוילישע יונגעלייט האָבען ליב אמעריקאַנער דאָלאַרען...

---

## צווישען באַלוטער ווייבער
### און אפשר גאָר ביי די ווילקער

1־טע: וואָס האָט מען איהן עפּעס נישט געזעהן די לעצטע טעג פאַר יום־טוב?

2־טע: איך בין געווען אין זאַקאָפּאַנע.

1־טע: וואָס הייסט?

— א קליינינקייט, אזעלכע בערג מיטט פון א גאַנץ יאָהר!

קאַפּריזנער

## איינער פון יענע
### אין געריכט

ריכטער: איהר ווערט פערקלאַגט, אז פערביי פאָרענדיג נעבען א יוד, האָט איהר א שמייך־געטאָן דאָס פערד ווייסט איהר דען נישט אז עס איז נישט הומאַניטאַריש צו שלאָגען א לעבעדיג בעשעפעניש?

אָנגעקלאָגטער: איך בין נישט שולדיג. איך האָב געוואָלט א שמייך־טאָן דעם יוד, האָב איך גאָר געטראָפען דעם פערד.

קאַפּריזנער

---

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 85
פרייטאג, דעם 10 אַפּריל 1936

לכבוד פּסח

## דער פאַן פאַסאַל גיט אָפּ א בעריכט



דעפּוטאַט (בעת די חנאות=פּעריען): פאַר אייך מיינע הערן און דאַמען האָב איך געזאָרגט אין סיים

